# מיט א טיפערן בליק

## זמן מתן תורתינו תשפ"ו

## "היו משתגעים ומתלהטים אחריה"

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען אצינד בלויז געציילטע טריט אוועק פונעם געהויבענעם יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה, דער **זמן מתן תורתינו** אין וועלכע מיר האבן זוכה געווען צו ווערן א מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ, מיר זענען געווארן דער אויסדערוועלטער פאָלק פונעם אייבישטער, הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ. מיר זענען געשטאנען ביים בארג סיני און אויסגעשריגן כאיש אחד בלב אחד "נעשה ונשמע" מיר זענען גרייט צו טוהן און הערן אלעס וואס השי"ת וועט פארלאנגען פון אונז אין זיין הייליגע תורה.

חז"ל לערנען אונז אין **מסכת פסחים** (דף ס"ח:) "הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם" אז אינעם יום טוב שבועות איז דא א חיוב צו פראַווענען 'לכם' און פייערן דעם יום טוב מיט עסן און טרינקען, ווי **רש"י** ערקלערט "שישמח בו במאכל ומשתה, להראות שנוח ומקובל יום זה לישראל שנתנה תורה בו", מיר מוזן ארויסברענגען אז מיר פרייען זיך מיט די תורה, עס איז אונז א פאַרגעניגן און א שמחה, נישט חלילה פארקערט.

**וואס באדייט דער משל פון נמשלו לתפוח?**

צום ערשט לאמיר אנהייבן מיט א באקאנטע מאמר חז"ל, די גמרא אין **מסכת שבת** (דף פ"ח.) אמר רבי חמא ברבי חנינא מאי דכתיב כתפוח בעצי היער וגו' למה נמשלו ישראל לתפוח, לומר לך מה תפוח זה פריו קודם לעליו אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע.

די גמרא ברענגט א משל אויף דעם וואס די אידן האבן מקדים געווען און געזאגט נעשה פאר נשמע, און געטוהן דערמיט א זאך שלא כסדר, אנדערש ווי עס איז די געוועהנליכע שטייגער פון מענטשן קודם צו הערן און נאר נאכדעם מסכים זיין צו טוהן, כלל ישראל האט אבער געטוהן פאַרקערט, צום ערשט האבן זיי זיך אונטערגענומען אז זיי גייען אלעס מקיים זיין נאך איידער זיי האבן אפילו געהערט וואס שטייט אין די תורה. א משל דערצו איז דער עפל בוים וואס גיבט ארויס זיינע פירות נאך איידער די בלעטער, אנדערש ווי אנדערע פרוכטביימער וואס וואַקסן נאר נאכדעם וואס עס שפראצן ארויס די בלעטער און די בלומען פון פריער.

לכאורה דארף מען פארשטיין, מיר ווייסן געוועהנליך ווען מ'גיבט א משל כדי מסביר צו זיין א זאך, איז עס ארויסצוברענגען און פארענטפערן א געוויסע שוועריגקייט וואס איז דא אינעם נמשל, דורכדעם וואס מ'איז מלביש דעם געדאנק אין א משל און מ'ברענגט עס ארויס מיט א מעשה וואס איז נענטער צום מציאות, פארשטייט מען בעסער דעם נמשל. אבער אין אונזער פאַל געבט די משל נישט צו קיין סאך צו ערקלערן בעסער די נמשל. יעדער פארשטייט אליינס אז מקדים זיין נעשה פאר נשמע איז א שווערע זאך, ס'איז א זאך וואס איז שלא כסדרן ווען א מענטש נעמט זיך אונטער צו טוהן עפעס נאך איידער ער ווייסט וואס ער האט צו טוהן. און דאס וואס מ'האט צוגעשטעלט צום דעם א משל אז ס'איז פארהאן א געוויסע מין בוים וואס געבט ארויס פירות איידער די בלעטער, איז גארנישט בעסער מסביר דעם נמשל, און עס גיבט נישט צו א ספעציעלע הבנה צו פארשטיין וואס איז געווען ביי נעשה ונשמע, אויב אזוי וואס באדייט טאקע דער משל?

**די מחלוקת רבי ישמעאל און רבי עקיבא**

אצינד לאמיר לערנען א שטיקל **מכילתא** אין פרשת יתרו אויף קבלת התורה. דער מדרש דרש'ענט דעם לשון הפסוק וואס שטייט אין אנהייב פון די עשרת הדברות, וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר, וואס באדייט די ווארט 'לאמר' [געוועהנליך איז דאס א ציווי פאר משה רבינו אז ער זאל איבערזאגן דעם דבר ה' צו די אידישע קינדער, אבער דא האט דאָך דער באשעפער אליינס גערעדט צו כלל ישראל, פארוואס שטייט לאמר].

זאגן חז"ל אז לֵאמֹר מיינט "שהיו אומרים על הֵן הֵן ועל לַאו לַאו דברי רבי ישמעאל, רבי עקיבא אומר על הן הן ועל לאו הן". דאס הייסט אז די אידן האבן געענטפערט אויף די עשרת הדברות און ארויסגעברענגט זייער גרייטקייט צו פאָלגן וואס דער באשעפער הייסט. לויט רבי ישמעאל האבן זיי געענטפערט "יא" אויף יעדע דיברה וואס איז א מצוה יא צו טוהן, אזוויי אנכי ה' אלקיך, זכור את יום השבת, כבד את אביך; און אויף יעדע לא תעשה האבן זיי געענטפערט "ניין" אז זיי וועלן דאס נישט עובר זיין.

רבי עקיבא האט אן אנדערע שיטה, רבי עקיבא זאגט אז אויף אלעס האבן זיי געענטפערט "יא", סיי אויף די מצוות עשה און סיי אויף די מצוות לא תעשה. [בפשטות איז די כוונה אז זיי האבן געזאגט אויף אלעם, "יא מיר וועלן דאס פאלגן און מקיים זיין"].

אבער די ווערטער פון מכילתא זענען זייער שווער, וואס איז פשט פון די מחלוקת צווישן רבי ישמעאל און רבי עקיבא? לכאורה רבי ישמעאל

זאגט דאָך פשוט אז מ'האט געזאגט על לאו לאו ועל הן הן, ווייל דאס איז די געהעריגע וועג צו רעאגירן ווען מ'הערט עפעס, אויף א ניין דארף מען ענטפערן ניין און אויף יא דארף מען ענטפערן יא. וואס איז פשט אז רבי עקיבא קומט זאגן אז אפילו אויף לַאו האט מען געענטפערט הֵן?

נאך קען מען מדייק זיין, לכאורה אויפן ערשטן חלק "על הן הן" קריגט מען זיך נישט, רבי עקיבא איז אויך מודה צו רבי ישמעאל אז מען האט געזאגט יא אויף יא, די נקודת המחלוקת איז נאר אויף די צווייטע חלק; אויף דעם וואס רבי ישמעאל האט געזאגט 'על לאו לאו' קומט רבי עקיבא זיך קריגן און זאגן אז אויך ביי לאו האט מען געענטפערט הן. אויב אזוי וואלט געווען גענוג אז רבי עקיבא זאל בלויז זאגן דעם חלק "על לאו הן", פארוואס איז ער נאָכאַמאָל מקדים און ער הייבט אן פון אנהייב "**על הן הן ועל לאו הן**?" מיט דעם זאגט ער דאָך די זעלבע זאך ווי רבי ישמעאל?

**די תקנות וואס זענען דא אין יעדע קשר**

נאר כדי צו פארשטיין דעם ענין וועלן מיר אנהייבן און מקדים זיין א שטיקל הקדמה. מיר ווייסן אז כמעט אין יעדע 'קשר' וואס איז דא אין די וועלט צווישן צוויי מענטשן, פאַרמאָגט עס געוועגליך ספעציעלע 'חוקים' און 'תקנות' און פארשידענע זאכן וואס פאָדערן זיך במציאות אז די קשר זאל האבן א קִיום. יעדע קשר מיט אירע אייגענע וועגן.

לדוגמא, לאמיר אנכאפן א קשר וואס איז דא צווישן א רבי און תלמיד. יעדער איינער געדענקט נאך פון די חדר יארן, ווי נאר מ'קומט אריין אין א נייע כתה, מ'הייבט אָן א נייע יאר, איז דער רבי מקדים א גאנצע רשימה פון תקנות, ער זאגט פאר די תלמידים וואס מ'מעג יא טוהן אין די כתה און וואס מ'טאר נישט, וויפיל אזייגער מ'דארף זיין אין קלאס, ווען וועט זיין הפסקה, ווען וועט זיין לאנטש, און אזוי ווייטער, נאך פארשידענע זאכן, פילע אנווייזונגען וואס מען דארף איינהאלטן און טוהן דורכאויס די יאר כדי ס'זאל זיין א געזונטע קשר, א גוטע קשר צווישן דער רבי און דער תלמיד.

די זעלבע זאך איז בין איש לאשתו. יעדער חתן און כלה איידער מ'גייט חתונה האבן, נעמט מען הדרכה, מ'הערט שיעורים, מ'גרייט זיך, און מ'פראבירט צו קענען פארשטיין איינער דעם אנדערן, וויסן וואס איז יא וויכטיג און וואס איז נישט וויכטיג, וואס מ'מעג טוהן אינעם חתונה-געהאטן לעבן און וואס מ'טאר נישט טוהן, אלעס כדי די שטוב זאל זיך אוועקשטעלן ווי עס דארף צו זיין, ס'זאל זיך בויען א בית נאמן מיט א גוטע שלום בית, דערפאר פעלן זיך אויס הוראות און אנווייזונגען וואס זענען א מיטל צו קענען פארשטיין און העלפן איינעם דעם אנדערן.

אפילו 'בין אב לבנו' אינעם קשר צווישן עלטערן און זייערע קינדער איז אויך פאַרהאַן תקנות. כמעט אין יעדע (געזונטע) שטוב איז דא געוויסע 'רולס' און געזעצן וואס מען טוט יא ביי אונז און וואס נישט. עס קומט טאקע נישט מיט א לאנגע קלארע רשימה וואס מ'איז מודיע פארן קינד ווען ער ווערט געבוירן, אבער פארשטייט זיך אז דורכאויס די יארן וואס מ'וואקסט אויף אינדערהיים וועט כמעט יעדע קינד וויסן און ארויסהאבן וואס ביי זיין טאטע מאמע איז ממש א 'יא' א חיוב וואס מען מוז טוהן, וועלכע זאכן זענען א זיכערע 'ניין' און מ'טאר עס נישט טוהן ביי זיי אינדערהיים. וכהנה וכהנה, עס איז דא א גאנצע רשימה פון תקנות און גדרים וסייגים וואס פעלט זיך אויס פאר די קשר און ליבשאפט צווישן די עלטערן און קינדער.

**וואס עס ליגט אונטער די תקנות**

ווען מען טראכט אבער אריין א טראפ טיפער, פארשטייט מען אז די תכלית פון די אלע תקנות איז נישט ווייל מ'וויל איינעם איינצוימען, מען וויל זיין שטרענג אדער פֵּייניגן איינעם חס ושלום, אודאי נישט! קיינער זוכט נישט סתם איינצובינדן די אלע מענטשן מיט רעגולאציעס ווי אן ארעסטאַנט וואס מ'טיילט איהם איין שטענדיג וואס צו טוהן און מ'באפעלט איהם אויף יעדע ריר און תנועה וואס מ'מעג יא און וואס מ'מעג נישט. נאר די תכלית פון די אלע אנווייזונגען און תקנות איז פאר א תועלת, כדי צו העלפן באַפעסטיגן און אוועקשטעלן דעם קשר אויף די ריכטיגע רעלסן, אז די צוויי צדדים זאלן זיך קענען ליב האבן און זיין נאנט פארבינדן איינעם מיט'ן צווייטן.

אגב, עס דערמאנט מיר וואס איך האב אמאל געהערט פון א איד, יענער איז היינט א חשוב'ער איד א תלמיד חכם און מרביץ תורה, האט ער מיר דערציילט אז יארן צוריק ווען ער איז געווען א בחור, פלעגט זיין טאטע ע"ה איהם איבערלאזן אזעלכע קליינע צעטלעך אויפן טיש כמעט יעדן אינדערפרי, מיט פארשידענע אנווייזונגען און בקשות. דער טאטע פלעגט איהם שרייבן, מיין טייער קינד, היינט איז קאלט אינדרויסן מאך זיכער אז דו טוסט אָן א מאַנטל. פארגעס נישט צו עסן פרישטאג, איך האב דיר אנגעגרייט אין פרידזשידער. ווען דו גייסט אין ישיבה גיי פאָרזיכטיג אויפן וועג. לערן פלייסיג. פאַרגעס נישט אהיימצורופן און רעדן צו מאמי, וכדומה, אזעלכע סארט רשימות פיל מיט זאכן.

דערציילט ער, אז די צעטלעך האבן אויסגעקוקט אין זיינע אויגן ממש ווי א מגילה פון חוקים ומשפטים, עס האט איהם פשוט נערוועז געמאכט וואס דער טאטע וויל אלס פון איהם... דאָך האט ער געהאט א טבע אוועקצולייגן די צעטלעך, ביי זיך אין צימער אין איינע פון זיינע לעדלעך פלעגט ער כסדר אריינוואַרפן -אָן קיין ספעציעלע סיבה אדער חשבון- די קליינע צעטלעך וואס דער טאטע האט איהם געשריבן.

כהיום, יארן שפעטער, ווען מיין טאטע לעבט שוין נישט -דערציילט דער מספר- און איך קוק איבער די צעטלעך, זעה איך וואספארא ווארימקייט

און חביבות עס איז געלעגן אין דעם. מיין טאטע האט מורא געהאט אז איך וועל חלילה ווערן פארקילט, ער האט געוואלט אכטונג געבן אויף מיר, האט ער גענומען די מיה מיך צו דערמאנען צו גיין מיט א מאנטל. פאר דעם צוועק איז ער ספעציעל ארויסגעגאנגען אינדרויסן נאכן אויפשטיין פאַרטאָגס צו זעהן אויב ס'איז קאַלט, כדי צו וויסן אויב צו שרייבן אויפן צעטל אז מ'דארף א מאנטל אדער נישט! אויך האט ער גענומען די צייט און געדולד דעמאלטס אין די פריע שעות איידער ער איז געגאנגען אין בית המדרש, צו שניידן ירקות, אנגרייטן ברויט, און מאכן א גוטע פרישטאג, אז איך זאל האבן וואס צו עסן. ער האט מיר דערמאנט אהיימצורופן, ער האט געוואלט ארויסברענגען ווי ווייט ער מיט מיין מאמע וואַרטן צו הערן פון מיר, ס'איז חשוב זייער קשר מיט מיר, פארגעס נישט אהיימצורופן זיך צו לאזן הערן. גיב אכטונג אויף דיר וואו דו גייסט, וכדומה.

דאס איז אלץ געקומען פון גרויס חביבות און אהבה צו מיר, נאר דעמאלטס האב איך נישט געהאט די שכל עס צו שעצן, איך האב עס אנגעקוקט ווי אזעלכע טרוקענע הוראות און תקנות, ווי איינער שטייט און באפעלט מיר וואס צו טוהן, ער טיילט מיר איין. אבער באמת איז געלעגן אונטער דעם אזויפיל ליבשאפט און גוטסקייט, די שענסטע קשר וואס קען נאר זיין.

### ס'איז נאר פאר ווען די הרגשים זענען שוין שוואכער

לאמיר גיין אביסל ווייטער און זיך מצייר זיין א משל: ווען איינער זאל אפשטעלן א חתן איידער זיין חופה, אין די געהויבענע רגעים ווען ער גרייט זיך צו די חתונה, ער האלט שוין אט אט ביים אויפשטעלן זיין שטוב און ער איז מלא שמחה און התרגשות, אויב מ'וועט איהם דעמאלטס בעטן אז ער זאל זיך אונטערנעמען געוויסע 'קבלות' אויפן צוקונפט און זיך מתחייב זיין אויף פארשידענע שלעכטע זאכן אז ער וועט עס קיינמאל נישט טוהן אינדערהיים, אדער גוטע זאכן וואס ער וועט מקפיד זיין יא צו טוהן... אדער אויב מ'וועט איהם דעמאלטס פרעגן אויב ער האלט בכלל אז ער דארף האבן די ספעציעלע 'תקנות' אדער דערמאנונגען וויאזוי זיך אויפצופירן אין זיין נייע שטוב... דער חתן וועט אפילו נישט הערן וואס מ'רעדט צו איהם, ער וועט דאס אלעס אנקוקן אזוי ווי עפעס א ווילד-פרעמדע און מאָדנע זאך, עפעס וואס פעלט בכלל נישט אויס.

און דער אמת איז, ער איז גערעכט! אין זיין דעמאלטסדיגער מצב איז זיין הארץ פיל מיט שמחה, פיל מיט נאנטקייט און אהבה, ער האט געפיל און ווארימקייט, ער וויל דעם קשר מיט אזא שטארקע השתוקקות און רצון, אז ער האלט באמת אז א גאנץ לעבן וועט ער אייביג פארשטיין, ער וועט אייביג פילן וואס זיין כלה וויל, ער וועט אלעמאל פראבירן צו זיין דער בעסטער מאן אין די וועלט, **און ער האלט באמת דערביי אין יענעם געהויבענעם זמן.** דעמאלטס ווען די הארץ איז אָפן, דארף מען טאקע נישט קיין שום תקנות און קיין שום אנווייזונגען.

נאר וואס דען? די מציאות איז אז דורכאויס דאס לעבן ווערן זאכן פארגעסן, מ'גייט אריין אין א טאג-טעגליכע סדר פון לעבן, די פרישקייט וועפּט אויס, מ'ווערט צוגעוואוינט און די התרגשות איז שוין נישט דא, דעריבער דארף מען האבן די תקנות. די אלע עצות און תחבולות זענען געאייגנט פאר די זמנים ווען ס'איז שוין נישטא די פרישקייט און חשק פון אנהייב. אבער בעצם, אויב וואלט געווען א מעגליכקייט אז די קשר זאל זיך האלטן פריש אויף אן אופן ווי ס'איז געווען אין יענע לעבטיגע מינוטן ווען מ'איז געגאנגען צו די חופה, אודאי וואלטן נישט אויסגעפעלט קיין תקנות פארן לעבן. די תקנות און הדרכות זענען נאר דא משלים צו זיין און ארויסצוהעלפן פאר ווען די ערשטע הרגשים און התעוררות זענען שוין נישט בנמצא.

### די אידן האבן געשפירט דעם קשר און ליבשאפט

דערמיט קומען מיר צוריק צו די ווערטער פון חכמינו ז"ל אין **מכילתא**, די מחלוקת צווישן רבי ישמעאל און רבי עקיבא, און מיר קענען אפלערנען א לעבטיגע פשט בדרך רמז אין זייערע הייליגע ווערטער.

לויט ווי מיר שמועסן קען גאר זיין אז די תנאים קריגן זיך אפילו נישט, נאר רבי ישמעאל רעדט לגבי די עצם קיום התורה ומצוות, וויאזוי די אידן האבן רעאגירט אויף די עשרת הדברות, אויף יעדע דיבור וואס דער אייבישטער האט געזאגט האבן די אידן געענטפערט על הן הן ועל לאו לאו אזוי ווי עס פאַסט ווען איינער הערט תקנות און געזעצן און ער זיי מקבל אויף זיך.

קומט רבי עקיבא און ער זאגט, דאס איז אלעס גוט ווען מען רעדט פון סתם חוקים און תקנות, ווען מען מעלדט איין פאר איינעם אין א גרינעם דינסטאג וויאזוי ער דארף זיך פירן, וועט דאס זיין די תגובה, א טרוקענע יא אדער א ניין.

זאגט אבער רבי עקיבא, דא רעדט מען דאָך פון מתן תורה אליינס! ווי חז"ל זאגן "בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זוֹ מַתַּן תּוֹרָה" (תענית פ"ד מ"ח), מתן תורה איז געווען די גרעסטע צייט פון דביקות און שמחה און אהבת השי"ת, דעמאלטס זענען די עשרת הדברות בכלל נישט געווען אזויווי געווענליכע חוקים ומשפטים, נאר די אידן האבן אויף יעדע איינציגסטע זאך אויסגעשריגן מיט עקסטאַז און מיט די גרעסטע מאָס אהבה "יא, זיכער!" נעשה ונשמע, מיר וועלן טוהן אלעס אין די וועלט!

יעדער דיבור וואס דער אייבישטער האט גערעדט צו כלל ישראל, איז אויף אלעם געקומען א פייערדיגע יא! "על הן הן ועל לאו הן", זיי האבן די גאנצע צייט געשריגן "**יא, רבונו של עולם, מיר פארשטייען דעם קשר,**

**מיר זענען מַשִׂיג די ליבשאפט**". זיי האבן געשפירט און געלעבט אז די עשרת הדברות איז נישט א ציווי וואס איז דא איינצוצווימען דעם מענטש און איהם צווינגען אז ער זאל נישט קענען טוהן געוויסע זאכן. אדרבה, דא ליגט אזא אויסטערלישע אהבה, אזא שטארקע קשר, וואס אונז ווילן אָנהאַלטן אויף אייביג און לעבן שטענדיג מיט אט די לעבטיגע און הייליגע הרגשה.

אפילו די "הן הן" - דאס ענטפערן יא אויף יא, איז אויך נישט געווען סתם געזאגט יא, עס איז נישט געזאגט געווארן מיט'ן זעלבן טאן וואס מען נוצט ווען מ'ענטפערט יא אויף א געוועגליכע תקנה. **עס איז געשריגן געווארן מיט אהבת ה' און דביקות, עס איז געווען גאנץ אן אנדערע סארט יא.** דערפאר חזר'ט איבער רבי עקיבא אויך דעם חלק, כאטש רבי ישמעאל האט עס שוין דערמאנט, ווייל רבי עקיבא קומט דא מחדש זיין אז סיי דער "על הן הן" און סיי דער "על לאו הן" איז געזאגט געווארן אויף א העכערן אופן, א אופן פון תשוקה און רצון, "רבונו של עולם, מיר זענען דא, אונז זענען אלעס מקבל, מיר שפירן די זיסקייט און די נעימות וואס ליגט אין דיינע חוקים ומשפטים, עס איז נישט אויף אונז לעול ולמשא"...

ווען דער אייבישטער הייסט נישט גנב'ענען פון יענעם, איז דאס א געוואלדיגע טובה פאר די מענטשהייט, עס שענקט אונז א לעבן פון דרכי נועם און שלום ושלוה מיט יעדן ארום. ווען מיר באקומען דעם ציווי פון לא תחמוד נישט צו גלוסטן וואס יענער האט, טוט עס אונז דערהייבן אז מיר זאלן וויסן מקבל צו זיין אלעס וואס דער רבונו של עולם טוט מיט'ן מענטש, גלייבן אז ס'איז לטובה, און וואס 'דו' דארפסט האבן וועט דיר דער אייבישטער אליינס געבן. ווען דער באשעפער באפעלט אונז צו היטן שבת, ליגט אין דעם די גרעסטע ברכה, עס איז א יום מנוחה ושמחה, ס'איז א טאג וואס ברענגט אריין קדושה און מנוחת שלום ושלוה והשקט ובטח אינעם מענטש און אין די גאנצער בריאה. כהנה וכהנה, ביי יעדן דיבור האט כלל ישראל גלייך געזעהן און געשפירט די נעימות דערפון, די מתיקות און הערליכע קשר וואס ליגט אונטער דעם.

### רבי עקיבא רעדט לשיטתו

ווי פאַסיג און ווי שיין איז דער ענין ווען מען איז זיך אביסל מתבונן אין די תולדות און השתלשלות פונעם הייליגן תנא **רבי עקיבא** דער בעל המימרא, און מען פארשטייט אז רבי עקיבא רעדט 'לשיטתו' פון זיין אייגענע מהות, פון זיין אייגענעם לעבן.

ווי מיר האבן שוין עטליכע מאל מאריך געווען אין דעם, דער הייליגער תנא רבי עקיבא איז געווען אן עם הארץ, די ערשטע פערציג יאר פון זיין לעבן האט ער נישט געלערנט, ער האט קוים געקענט א צורת אות. שפעטער ווען ער האט געזעהן ווי וואסער טראפט אויף א שטיין און מאכט א לאָך אינעם שטיין, האט ער גענומען פון דעם א מוסר השכל אז די רייד פון תורה וועלן זיכער קענען לעברן און אריינדרינגען אין זיין הארץ, ער האט באשלאסן אז ער וויל גיין לערנען תורה. ער איז געגאנגען מיט אזא צמאון, מיט אזא דארשט און אהבה צו די תורה, ער האט געלערנט תורה מיט מסירות נפש ממש. זיין שווער כלבא שבוע האט געמאכט א נדר אז זיין טאכטער מיט איר מאן טארן נישט הנאה האבן פון זיין פארמעגן, ווי די **גמרא** דערציילט די געפערליכע עניות און דחקות וואס רבי עקיבא מיט זיין ווייב רחל האבן מיטגעמאכט, אבער גארנישט האט איהם נישט צוריקגעהאלטן, דאס האט איהם נישט געמאכט טוישן זיין מיינונג פון גיין לערנען. ביי די פערציג יאר האט זיך רבי עקיבא אריינגעזעצט צווישן קליינע קינדער וואס לערנען אלף בית, און ער האט אנגעהויבן פון פריש.

רבי עקיבא האט זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן, ער האט געריסן שטיקער פון זיך פאר די תורה. אזוי ווייט, אפילו ווען ער איז אהיימגעקומען נאך צוועלף יאר זיין אין ישיבה, און ער האט געהערט אונטערן טיר אז זיין ווייב גיבט איהם רשות צו גיין אויף נאך צוועלף יאר, האט ער זיך גלייך אויסגעדרייט און צוריקגעלאפן, ער איז ניטאמאל אריין אין שטוב צו באגריסן זיין משפחה, צו רעדן א וואָרט. ער האט נישט געקענט שטילן זיין הייליגע פייער, זיין תשוקה, זיין ברען, קונה צו זיין נאך אביסל תורה.

די זעלבע איז אויך שפעטער ווען די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא זענען ליידער נפטר געווארן, וואלט רבי עקיבא זיך געקענט מייאש זיין און זיך אפלאזן פון די גאנצע עבודה פון הרבצת התורה, פון מעמיד זיין נאך תלמידים. אבער רבי עקיבא האט נישט אזוי געטוהן, זיין מסירות נפש און אהבת התורה לאזן נישט נאך, ער האט אנגעהויבן נאָכאַמאָל פון דאסניי און אוועקגעשטעלט פינף נייע תלמידים וואס פון זיי איז געבליבן די תורה פאר די גאנצע וועלט.

רבי עקיבא האט **שטענדיג** געלעבט און מרגיש געווען אט דעם הייליגן געשריי פון "על הן הן ועל לאו הן", עס האט געברענט אין איהם א ענדלאזע השתוקקות און אהבה צו די תורה.

### וואס מיינט "משתגעים ומתלהטים אחריה"?

ביי רבי עקיבא געפונען מיר די בחינה וואס שטייט אין **אור החיים הקדוש** אין פרשת כי תבוא, אויפן פסוק (כ"ו י"א) וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב, שרייבט דער אור החיים הק' אז די ווארט 'טוב' גייט ארויף אויף די תורה הק' ווי חז"ל זאגן (אבות פ"ו מ"ג) ואין טוב אלא תורה, "**שאם היו בני אדם מרגישין במתיקות ועריבות טוב התורה היו משתגעים ומתלהטים אחריה, ולא יחשב בעיניהם מלא עולם כסף וזהב למאומה, כי התורה כוללת כל הטובות שבעולם**" ווען מענטשן וואלטן מרגיש געווען די

זיסקייט און מתיקות התורה וואלטן זיי ווי 'משוגע געווארן' און געברענט נאך איר, קיין שום גאלד און זילבער אין די וועלט וואלט געווען חשוב אין זייערע אויגן, ווייל די תורה איז די בעסטע און חשוב'סטע, עס איז כולל אין זיך אלע גוטס פון די גאנצע וועלט.

רבי עקיבא האט געשפירט די הרגשה פון **משתגעים ומתלהטים אחריה**, און ער האט באמת מוותר געווען אויף כל הטובות שבעולם, קיין שום אנדערע זאך אין די וועלט האט נישט פארנומען ביי איהם קיין אָרט קעגן די תורה.

אגב, אז מ'רעדט שוין, איז דא די פלאץ אויסצושמועסן און קלאר מאכן א שיינע פשט און א טיפע דערהער אין די ווערטער פונעם אור החיים הקדוש. וואס מיינט טאקע "משתגעים ומתלהטים אחריה"? צו דען דארף מען ווערן 'משוגע' פאר די תורה, (פּאַסט דאס דען צו זאגן?) וואס באדייט עס און וואס איז די גדר דערפון? נאר לכאורה איז די כוונה אז ווען א מענטש האט באמת ליב די תורה, ער האט אזא מתיקות און חשק צו די תורה, דאן טוט ער צומאל אזעלכע זאכן וואס אין די אויגן פון די הֲמוֹן עַם זעהט עס אויס ווי משוגע, עס דאַכט זיך זיי אז ער טוט משוגע'נע זאכן, וויבאלד עס איז נישט דער דרך העולם אזוי צו טוהן, נארמאלע מענטשן פירן זיך נישט אויף אזוי. למשל, ווען רבי עקיבא קומט אהיים נאך צוועלף יאר נישט זיין דארט, אפילו ער וויל טאקע צוריקגיין אויף נאך צוועלף יאר, מיט אונזער מענטשליכע שכל וואלטן מיר געהאלטן אז ער וואלט געדארפט מאכן א קליינע הפסקה, ער וואלט געדארפט אריינגיין אינדערהיים און רעדן א וואָרט, זיך דרייען א ווילע אין שטוב, זיך אפגעבן אביסל מיט די קינדער... מ'זעהט אבער אז ניין, אין רבי עקיבא האט געברענט אזא חשק התורה, אזא אהבה, אז ס'איז געווען א בחינה פון "משתגעים ומתלהטים" וואס האט געברענט אין איהם, און ער האט געטוהן א זאך וואס זעהט אויס אין אונזערע אויגן ממש ווי משוגע, ער האט זיך פשוט אויסגעדרייט און צוריק געלאפן צו די גמרא. אין מענטשליכע אויגן קען זיך דאס דאַכטן אלס 'משוגע' פשוט ווייל מיר זענען זייער ווייט דערפון, מיר קענען עס נישט משיג זיין מיט אונזער שכל.

### מיר זענען דאס אלע מקיים!

**אבער דער אמת איז, אז יעדער איד אין זיין דרגא איז זוכה מקיים צו זיין דער "משתגעים ומתלהטים אחריה".** וויפיל מאל איז דא וואס א איד גיבט אוועק פון זיך, ער גיבט אויף פארשידענע זאכן פארן אייבישטער, צומאל איז ער מקיים מצוות מיט היבשע מסירות נפש, למשל ווען ער איז מוותר אויף געוויסע הכנסה וואס ער וואלט געקענט האבן, ער איז מוותר אויף געוויסע פארדינסטן, וויבאלד ער האלט אז ס'איז א חשש להלכה און מ'טאר עס נישט טוהן.

אין די אויגן פון אנדערע מענטשן איז עס א בחינה פון משוגע, זיי האלטן אז ער איז פשוט נישט נארמאל פארן זיך פירן אזוי ערליך, אבער ביי איהם איז דאס א פשוט'ע זאך, ס'ברענט אין איהם די קשר, די אהבה צום אייבישטער, ער וויל איינהאלטן דעם רצון ה' מיט אלע הידורים, ער טוט די אלע זאכן מחמת די חביבות, די אהבה וואס ער האט צו די תורה ומצוות.

יעדער איד ביי זיין 'הקרבה' וואס ער איז מקריב פון זיך פארן אייבישטער איז ער מקיים דערמיט אויף א געוויסע וועג דער "משתגעים ומתלהטים אחריה" פון וואס מיר רעדן דא.

### געשפירט די זיסקייט אזויווי אן עפל

דאס קען זיין דער משל וואס חז"ל זאגן אויף נעשה ונשמע אז ס'איז אזויווי א תפוח וואס איז 'פריו קודם לעליו', אויף וועלכע מיר האבן מדייק געווען, וואס קומט דער משל צולייגן?

נאר די פנימיות פונעם משל קען זיין, א 'תפוח' איז א זיסע פרי, עס איז מרמז אויף מתיקות און נעימות, ווי מיר געפונען לגבי ראש השנה ווערט געברענגט אז מ'זאל נעמען א 'תפוח מתוק' בדבש, אן עפל סימבאליזירט זיסקייט. בדרך כלל ווען ס'איז דא א בוים מיט פירות, זעהט מען קודם דעם בוים, די צווייגן, די בלעטער, די בלומעלעך, דהיינו די אלע טעכנישע און זייטיגע חלקים פונעם בוים, און עס דויערט צייט ביז מ'קומט אָן צום תכלית - צו די זיסע פרי.

כלל ישראל ביי מתן תורה איז געווען אזוי הייליג און דערהויבן, זיי האבן געשפירט אזא נאנטקייט און ליבשאפט, אז זיי האבן אדורכגעזעהן די אלע תקנות און חוקים, זיי זענען געווען פונקט ווי דער תפוח - דער עפל בוים וואס גיבט תיכף ארויס די זיסע פרי נאך פאר די בלעטער, זיי האבן באלד געזעהן און מרגיש געווען די זיסקייט, די לעבעדיגקייט פון די תורה, די אהבה און די קשר וואס איז דא דארט מיטן אייבישטער. טאקע דערפאר האבן זיי אויסגעשריגן נעשה ונשמע, און על הן הן ועל לאו הן, ווייל זיי האבן געשפירט דעם קשר ווי א חתן ביום חופתו און אפילו מער, עס האט געברענט אין זיי די אהבה און השתוקקות. די תורה איז נישט געווען ביי זיי לעול ולמשא, עס איז נישט געווען תקנות און אזהרות, עס איז אלעס געווען איין שטיק אהבת ה'.

### מיר ווילן שפירן די זיסקייט פון תורה

מיט דעם קען מען ערקלערן די נוסח וואס מיר זאגן יעדן טאג ביי ברכת התורה, ווען מיר בעטן דעם אייבישטער א תפילה "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ" באשעפער מאך זיס די רייד פון דיין תורה אין אונזער מויל.

דארף מען פארשטיין, וואס איז פשט פון דעם לשון וְהַעֲרֶב? ס'איז כמעט נישטא קיין שום אנדערע 'מקצוע' אין די וועלט אויף וואס מ'דרוקט זיך

אויס אז ס'האט אין זיך א זיסקייט. אפילו ווען א מענטש האט ליב א געוויסע חכמה, ער שטודירט א געוויסע לימוד, אדער ער ארבעט אין א געוויסע פאַך, וועט ער נישט זאגן אז ס'איז זיס. לדוגמא, קיינער וועט נישט זאגן אז ס'איז אזוי זיס צו זיין א דאקטער (אפילו אויב ער האט זייער ליב צו היילן מענטשן) אדער אז ס'איז אזוי זיס צו זיין א לויער, אן אקאונטענט, וכדומה.

נאר לויט ווי מיר לערנען, קען זיין אז דאס בעהט א איד פונעם אייבישטער יעדן טאג, "רבונו של עולם, והערב נא, לייג אריין אין מיר די זיסקייט, איך זאל שפירן די קשר, די שייכות, די אהבה וואס איז דא צום אייבישטער אונטער יעדע מצוה, אונטער יעדער ציווי וואס דער אייבישטער באפעלט אונז. העלף מיר אז איך זאל זעהן און פארשטיין די נעימות, איך זאל זוכה זיין צו דעם 'משתגעים ומתלהטים אחריה'. די תורה זאל טאקע נישט זיין ביי מיר סתם ווי א לימוד אדער סיי וועלכע פאַך, אדרבה, עס זאל זיין גאנץ עפעס אנדערש, פיל העכער, הייליגער, און טיפער פון דעם. עס זאל זיין זיס ביי מיר ווי די זיסטע זאך אין די וועלט, א תענוג נפלא וואס וועט ברענען אין מיר, אזויווי די אידן ביי מתן תורה".

**שבועות איז דער יום טוב פון יעדער איד!**

היוצא לנו, וואס קומט ארויס פון דאס אלעס, מיר דארפן דערהערן און פארשטיין אז ביי 'מתן תורה' איז געווען א קשר פון ליבשאפט צווישן כלל ישראל און השי"ת. און דאס איז די עצם מהות פון די גאנצע תורה, דאס זענען די אלע חוקים ומשפטים און מצוות וואס השי"ת האט אונז געגעבן. אונזער ציל דארף זיין אנצוקומען אהין, צו שפירן דעם קשר און די ליבשאפט דערפון, פארשטיין די פנימיות פון די אלע מצוות ווי גוט ווי זיס און ווי לעבטיג זיי זענען.

ווי וויכטיג איז צו געדענקען אז 'זמן מתן תורתינו' איז טאקע א יום טוב אויף דעם הייליגן קשר. מענטשן מיינען אז דער יום טוב שבועות איז א יום טוב וואס איז בעיקר געאייגענט פאר בחורים וואס זיצן אין ישיבה, פאר כולל יונגעלייט וואס לערנען אגאנצן טאג, פאר זיי איז געמאכט צו פייערן דעם יום טוב פון קבלת התורה. אבער סתם דער פשוט'ער איד, דער עַמְךָ איד וואס האט נישט אזויפיל שייכות מיט לימוד התורה, ער קען נישט אוועקגעבן אזויפיל צייט פון זיין טאג פארן לערנען, פילט ער עפעס אזויווי ס'איז נישט זיין יום טוב...

אבער דער אמת איז, ניין! דאס איז א יום טוב אויף אונזער קשר מיט השי"ת, און מיר אלע לעבן 'על פי תורה' און מיר האבן דעם קשר מיט'ן נותן התורה. **כמעט יעדע ריר אין אונזער טאג גייט צו לויט'ן רצון השם, לויט וואס דער אייבישטער האט געהייסן אין די תורה, די אלע חוקים און משפטים וואס מיר זענען מקיים און אונז געבן אוועק פארן אייבישטער, דאס אלעס האט א שייכות מיט יעדן פון אונז! מיר האבן אויך מינוטן פון "משתגעים ומתלהטים אחריה" ווי פריער דערמאנט, און דערפאר איז עס אונזער יום טוב!** א יום טוב וואס איז געגעבן געווארן אויף אט דעם קשר און ליבשאפט.

לאמיר אויסנוצן די לעבטיגע טעג צו פארשטערקערן דעם קשר, לאמיר טאקע מתפלל זיין "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ" אז מיר זאלן משיג זיין די ליבשאפט וואס ליגט אין תורה ומצוות, מיר זאלן שפירן די אהבה און זיסקייט וואס כלל ישראל האט דעמאלטס געפילט ביים שרייען נעשה ונשמע, אז אזוי זאלן מיר אויך קענען גיין אין די דרכי התורה ויראת שמים און האבן דעם שטענדיגן נאנטקייט און פארבינדנקייט מיט אבינו שבשמים, אכי"ר.

צידה לדרך...

**כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאוֹרֶךְ יָמֵינוּ**

א טעם פארוואס מיר עסן מילכיגס אין שבועות, וויבאלד ס'איז באקאנט וואס די חוקרים זאגן אז 'מילך' איז די איינציגסטע עסנווארג וואס האט אין זיך סיי א כוח אזויווי 'עסן' און אויך ווי 'טרינקן'. ד.ה. געווענליך ווען א מענטש עסט א מאכל ווי ברויט, דארף אבער זיין גוף נאך אלץ צוקומען צו וואסער כדי צו שטילן זיין דאָרשט, דאס זעלבע ווען ער טרינקט א משקה דארף ער אויך עסן כדי צו זעטיגן זיין גוף. אבער מילך האט אין זיךביידע כוחות, סיי עס מאכט זאַט ווי א מאכל, און עס שטילט דעם דארשט ווי א משקה.

דאס איז א רמז אויף די תורה וואס האט אין זיך אלע רוחניות'דיגע כוחות צו האלטן דעם נפש ביים לעבן. ווייל יעדע מצוה איז נאר א איינצלענע זאך, עס העלפט נאר אויפטוהן אויף איין געוויסע זאך אינעם מענטש וואס האט א שייכות מיט'ן שורש פון די מצוה. דאגעגן די תורה איז די גאנצע רוחניות'דיגע חיות פונעם מענטש, און ס'איז כולל אין זיך אלעס. דערפאר געפונען מיר אז די תורה ווערט אנגערופן סיי 'לחם' ווי עס שטייט אין פסוק לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחֲמִי, און אזוי אויך ווערט עס אנגערופן 'מים' ווי חז"ל זאגן אז אֵין מים אלא תורה, ווייל תורה האלט דעם מענטש אינגאנצן ביי זיין רוחניות'דיגן לעבן.

(אמרי נועם)

**א 'זיסע' און פרייליכע יום טוב!**

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com